# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:55
מוצאי שב"ק.....................9:27
**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................ירמי' נ'-נ"א
בבלי.......................שבועות כ"ג
ירושלמי.....................יבמות נ"ב
תוספתא...................סוטה י"א
רמב"ם...........גזילה ואבידה ט"ז

פרשת בהר בחקותי, כ"ו אייר, מברכים חודש סיון, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ה' — שנה 14, גליון 34 (702)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ, גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קִידּוּשִׁין, הֲלָכָה ג' אוֹת ד'): אַז מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֲשִׁירִים וָואס ווִילְן נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, וָוען מֶען קוּמְט זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה זָאגְן זֵיי, "עֶס אִיז הַיינְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ זֵייעֶר פַאר מִיר אַלֵיין, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה". אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עוֹשֶׁר לֶעבְּט זִיךְ גַאנְץ בְּרֵייט, נָאר לוֹיט דִי גְרוֹיסֶע סְטַאנְדַארְטְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן, לוֹיט דֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ. קוּמְט אוֹיס אַז פַאר זִיךְ פַארְגִינְט עֶר זִיךְ אַ בְּרֵייטֶע לֶעבְּן, אוּן פַאר דֶעם אָרִימַאן פַארְגִינְט עֶר נִישְׁט נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער.

אֲפִילוּ וָוען דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער וָוען עֶר זֶעט וִוי דֶער אָרִימַאן עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס מֶער וִוי בְּלוֹיז צוּם לֶעבְּן, עֶסְט עֶס אִים אוֹיף דָאס הַארְץ, "פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה?! אַז עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן דָאס אוּן דָאס?", כְּאִילוּ פַאר דֶעם עוֹשֶׁר קוּמְט זִיךְ אַלֶעס גוּטְס אוּן פַאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט זִיךְ נָאר מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וָחַי אָחִיךָ עִמָּךְ, דַיין בְּרוּדֶער זָאל לֶעבְּן "מִיט דִיר", אַזוֹי וִוי פַאר דִיר פַארְגִינְסְטוּ דִיךְ אַבִּיסְל בְּרֵייטֶער, פַארְגִין עֶס אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן, אוּן זֶע אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן, אַז עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר, אוּן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן צְדָקָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "שְׁקוּלָה צְדָקָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת", דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה; אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה אִיז עֶס זֵייעֶר הַארְבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם, י.): "כָּל הַמַּעֲלִים עֵינָיו מִן הַצְּדָקָה כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה אִיז עֶס אַזוֹי וִוי מֶען דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קד.): וָוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אֵיינֶעם, שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה - אַן אָרֶעמַאן; וָוען אַ אָרֶעמַאן קוּמְט צוּ דִיר בֶּעטְן צְדָקָה, זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייזְט דִיר אַז עֶר הָאט דִיר לִיבּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעעֶפֶּענְט אַ נַייעַ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן מוֹהֲרַא"שׁ זָאל קְלַאפְּן מְזוּזוֹת בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט; הָאט עֶר מִיר פַארְצֵיילְט, אַז מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַן אָרֶעמַאן אָן אִים צוּ גֶעבְּן אַ נְדָבָה; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר הוּנְדֶערְט אָרֶעמֶעלַייט - פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - אֵיין דָאלֶער, וִוי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ הוּנְדֶערְטֶער, אוּן אַוֶועק שִׁיקְן נַיין אִין נַיינְצִיג מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט", אוּן מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אָרֶעמֶעלַייט, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַן אָרִימַאן, אֲפִילוּ וָוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעצְווֵייגְן וְכוּ', וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן פַאר דִי גֶעלְט גֵייעֶרְס קְלֶענֶערֶע סְכוּמִים, אָבֶּער זָאלְסְט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן, וִוי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע גָארְנִישְׁט".

(זאת התורה בהר ד', עצתו אמונה מקץ תשע"ח)

## מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער אִיד

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדַייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וָוען מִיר זֶעעֶן וִוי אַ שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פַייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְווֵייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין וִוי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ פִּילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, וִוי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶּער וָוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן וָועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ

<<<<<<

### א גוט ווארט

וָואס מֶען טְרַאכְט בַּייטָאג, דָאס חָלוֹמְ'ט מֶען בַּיינַאכְט. אַז מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חָלוֹמְ'ט מֶען זִיךְ גוּטֶע חֲלוֹמוֹת, ווִידֶערְאוּם אַז מֶען לֶעבְּט אִין שְׁרֶעק, מֶען טְרַאכְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט', 'מִיר גֵייעֶן אֵיין טָאג הוּנְגֶערְן', 'אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער' וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט חָלוֹמְ'ט מֶען זִיךְ דָאס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חָלוֹם, סִימָן א-ב): לַחֲלוֹם רַע תֹּאמַר בַּבֹּקֶר: "וַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ", אַז מֶען חָלוֹמְ'ט זִיךְ אַ נִישְׁט גוּטֶע חָלוֹם, זָאל מֶען זָאגְן: "הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ", חֲלוֹמוֹת זֶענֶען נַארִישׁ, אוּן וָוען מֶען חָלוֹמְ'ט זִיךְ אַ גוּטֶע חָלוֹם, זָאל מֶען זָאגְן: "בַּחֲלוֹם אֲדַבֶּר בּוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעדְט צוּ מִיר.

אַז עֶס לוֹיפְן דִיר נָאךְ נִישְׁט גוּטֶע חֲלוֹמוֹת, דוּ טְרַאכְסְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע גֶעבֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין פָּאזִיטִיוו, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט"; בֶּעט דָאס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל – וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן חָלוֹמֶען שְׁלֶעכְטְס.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"א)



דער מולד וועט זיין: דינסטאג אינדערפרי 14 מינוט און 3 חלקים נאך 9 | ראש חודש סיון יהיה ביום הרביעי

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אוֹיפְבּוֹיעֶן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

אֵייעֶר מַאן אִיז אַ וואוּילֶער מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז גָאר אַ גוּטֶער, אוּן אַז אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אַז אִיר וֶועט קוּקְן נָאךְ בֶּעסֶער וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, "בָּנְתָה בֵיתָהּ", בּוֹיעֶט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ מִיט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן מִיט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען דֶער מַאן פַארְלִירְט זִיךְ.

אַ שָׁאד מֶען לֶערְנְט דָאס נִישְׁט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ אִין דִי סְקוּלְס; אַנְשְׁטָאט לֶערְנֶען שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים פוּן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט וויסְן פַארְן לֶעבְּן, וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען דִי חָכְמָה וִוי אַזוֹי מֶען בּוֹיט אוֹיף אַ מַאן, וִוי אַזוֹי מֶען בּוֹיט אוֹיף קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי מֶען בּוֹיט זִיךְ אַלֵיין אוֹיף; דוּרְךְ אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דוּרְךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, זוּכְן עֶפֶּעס גוּטְס, אוּן נָאר פוּן דֶעם טְרַאכְטְן; וָואלְט מֶען דָאס גֶעלֶערְנְט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ - וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַלֶע גִיטִין, עֶס וָואלְט גֶעוֶוען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה.

עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְט אִיר אָנְהוֹיבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; וָואס דָאס דַארְף נִישְׁט זַיין אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וַוייל אִיר זֶענְט זֵייעֶר טֵייעֶר, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס בֵּיי אֵייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן, וָואס אִיז טַאקֶע גוּט אוּן וִויל נָאר זַיין גוּט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

גְלֵייבְּט דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז דֶער דָאקְטֶער פַאר אַלֶע דוֹרוֹת בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, נָאר דֶער רֶבִּי הֵיילְט אוּן וֶועט אוּנְז וַוייטֶער הֵיילְן, נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת הֵיילְן דִי נֶפֶשׁ, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רפב) אַז דוּרְךְ קוּקְן גוּט קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק - דַארְף מֶען דָאס טוּן, אוּן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז אַן עֵצָה צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג - דַארְף מֶען דָאס טוּן, מֶען דַארְף זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט אוּן אַ פְלַאץ יֶעדֶע טָאג פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נָאר דִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג, גֶעוַואלְד אִיךְ גֵיי שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק אַהֵיים צוּ דִיר, מִיט וָואס וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ דִיר? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ שְׁטֵיין בַּיים בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה? הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיךְ, אִיךְ זָאל הָאבְּן גוּטֶע אוֹיגְן, נָאר זֶען גוּטְס בֵּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער טוּט מִיר וֵויי זָאל אִיךְ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ אוּן פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם, נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם מִיט אַ רַחֲמָנוּת, מִיט לִיבְּשַׁאפְט".

זַייט שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת, זוּכְן גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, בְּעִיקָר אִין זִיךְ אַלֵיין אוּן אִין אֵייעֶר מַאן, אוּן מִיט דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט אֵייעֶר לֶעבְּן אַיךְ וֶוערְן גַן עֵדֶן, זִיס, גֶעשְׁמַאק, אַנְגֶענֶעם אוּן בַּא'טַעמְ'ט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תִשָּׂא תשפ"ה)

# סֵפֶר הַמִדוֹת תְּפִלָּה

סה. כְּשֶׁאַתָּה רוֹצֶה לִשָּׂא תְּפִלָּתְךָ, תִּתְפַּלֵּל בְּעַד יִשְׂרָאֵל. אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיפְהוֹיבְּן דַיין תְּפִלָּה, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. סו. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ אֶת הָאָדָם שֶׁיִּתְפַּלֵּל לְפָנָיו. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בֶּעט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. סז. מִי שֶׁמַּצִּיל אֶת הֶעָנִי מֵחָזָק מִמֶּנּוּ, הַכֹּחַ הוּא בְּנָקֵל בְּאוֹתִיּוֹת הַתְּפִלָּה. וֶוער עֶס רַאטֶעוֶועט אַן אָרֶעמַאן פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אִים, גֵייט זַיינֶע כֹּחַ אַרַיין גְרִינְג אִין דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז אִים גְרִינְגֶער צוּ דַאוֶוענֶען מִיט כֹּחַ.



גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלֶץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְּלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס אַזוֹי וִוי דִי פִּיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִיק אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגְ'ענֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סַיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סַיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

### וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סַיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶועריִקֵייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

ווִידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פּוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פּוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב׳) "הַמְבַעֵט בְּיִסוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ גְבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסוּרִין)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רה)

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן לֵצִים פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ צוּמָאל פַארְשְׁטֶעלְן אוּן פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַסַאךְ מָאל, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דִי אַלֶע זַאכְן.

אֵיין נַאכְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַזַא סָארְט לֵץ, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶערוּפְן אִינְדְרוֹיסְן אוּן עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דֶער לֵץ הָאט אִים גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶעם פֶערְד צוּ פַארְקוֹיפְן, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶס בַּאטְרַאכְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פֶערְד, אוּן הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וִויפִיל גֶעלְט עֶר וִויל פַאר דֶעם, הָאט דֶער לֵץ גֶעזָאגְט אַז עֶר בֶּעט פַאר דֶעם פִיר רֶענְדְלֶעךְ, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזֶען אַז דֶער פֶערְד אִיז זִיכֶער וֶוערְד כָאטְשׁ פִינְף רֶענְדְלֶעךְ, עֶס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען גָאר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גֶעלוּנְגֶענֶע פֶערְד, הָאט עֶר עֶס טַאקֶע אָפְּגֶעקוֹיפְט פַאר פִיר רֶענְדְלֶעךְ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען.

צוּמָארְגְנְס הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן דֶעם פֶערְד צוּ פַארְקוֹיפְן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן עֶס גֶעוָואלְט קוֹיפְן אוּן הָאבְּן פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ פְּרַייז וִויפִיל זֵיי זֶענֶען גְרֵייט צוּ צָאלְן דֶערְפַאר, עֶר הָאט אָבֶער גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "אוֹיבּ וִויל מֶען מִיר גֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט פַאר דֶעם, אִיז עֶס מִסְתָּמָא וֶוערְט טָאפְּלְט פוּן דֶעם", אוּן דֶעריבֶּער הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן פַאר זֵיי אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער דֶערְמִיט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן טָאפְּלְט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע פְּרַייז.

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט צָאלְן דִי נֵייעֶ פְּרַייז וָואס עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט, הָאט עֶר וִוידֶער גֶעקְלֶערְט, "מִסְתָּמָא אִיז עֶס וֶוערְד אוֹיךְ טָאפְּלְט פוּן דֶעם פְּרַייז", אוּן עֶס אִיז דִי פְּרַייז גֶעגַאנְגֶען הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער אַרוּמְגֶעדְרֵייט פַארְקוֹיפְן דֶעם פֶערְד, בִּיז דִי פְּרַייז אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע טוֹיזְנְטֶערְס, אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶס פַארְקוֹיפְן, וַוייל עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעטְרַאכְט אַז מִסְתָּמָא אִיז עֶס וֶוערְד טָאפְּלְט פוּן וִויפִיל יֶענֶער וִויל צָאלְן, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען מַאכְן פִיל מֶער גֶעלְט אוֹיף דֶעם. בִּיז דִי פְּרַייז אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטִיגְן אַזוֹי הוֹיךְ אַז קֵיינֶער הָאט עֶס שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט קוֹיפְן נָאר דֶער קֶענִיג אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעטְרָאגְן דֶעם פֶערְד צוּם קֶענִיג.

דֶער קֶענִיג אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ צָאלְן פַארְ'ן פֶערְד אַן אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, וַוייל דֶער פֶערְד אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן קֶענִיג אוּן פַאר אַלֶע מִינִיסְטָארְן, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן פַארְ'ן קֶענִיג, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "מִסְתָּמָא אִיז עֶס וֶוערְד נָאךְ פִיל מֶער", בִּיז דֶער קֶענִיג הָאט עֶס אוֹיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעקוֹיפְט, אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם קֶענִיג מִיטְ'ן פֶערְד.

אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג פוּן קֶענִיג הָאט עֶר גֶעוָואלְט טְרָאגְן דֶעם פֶערְד עֶס צוּ אָנְטְרִינְקֶען מִיט וַואסֶער, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פְלָאמְפּ, דִי קְרַאן פוּן וואוּ מֶען גִיסְט אַרוֹיס וַואסֶער אָנְצוּטְרִינְקֶען, אוּן דֶער פֶערְד אִיז אַרַיינְגֶעטַאנְצְן אִינֶעם פְלָאמְפּ אוּן עֶס אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן... פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאט זִיךְ אִים נָאר גֶעדַאכְט אַזוֹי, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶכְטֶער פֶערְד, עֶס אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ שְׁפִּיל וָואס דִי לֵצִים הָאבְּן גֶעמַאכְט מִיט אִים. עֶר הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ אַז זַיין טֵייעֶרֶער פֶערְד אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעלָאפְן זֶען וָואס גֵייט פָאר, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר שְׁרֵייט אַזוֹי, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי זַיין טֵייעֶרֶער פֶערְד אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם לָאךְ פוּנֶעם פְלָאמְפּ. הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁלָאגְן אוּן הַאקְן, זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעקוּקְט וִוי אַ מְשׁוּגָענֶער, וַוייל דִי לָאךְ פוּנֶעם קְרַאן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלֵיין, אַ פֶערְד קֶען דָארְט זִיכֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין...

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְזֶען אַז מֶען קוּקְט אִים אָן וִוי מְשׁוּגָע פַארְ'ן זָאגְן אַזַא נַארִישְׁקֵייט אַז זַיין פֶערְד אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִינֶעם לָאךְ פוּנֶעם פְלָאמְפּ, קֵיינֶער גְלֵייבְּט אִים סֵיי וִוי נִישְׁט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט. אָבֶער וִוי נָאר עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין הָאט דֶער פֶערְד אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְשְׁטֶעקְן זַיין קָאפּ פוּנֶעם פְלָאמְפּ... אוּן עֶר הָאט וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן "אָהָ! אָהָ!", עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי זַיין פֶערְד קוּמְט אַרוֹיס פוּן דָארְט, אוּן דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ וִוידֶער צוּזַאמְגֶעלָאפְן צוּ אִים, אוּן מֶען הָאט אִים נָאכְאַמָאל גֶעשְׁלָאגְן הֶערְנְדִיג זַיין נַארִישֶׁע מַעֲשֶׂה, אוּן זֶעעֶנְדִיג וִוי מְשׁוּגָע עֶר אִיז.

עֶר הָאט וִוידֶער גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין, אוּן נָאכְאַמָאל שְׁטֶעקְט דֶער פֶערְד אַרוֹיס זַיין קָאפּ פוּנֶעם פְלָאמְפּ... אוּן עֶר הוֹיבְּט וִוידֶער אָן שְׁרֵייעֶן וִוי פְרִיעֶר, אוּן וִוידֶער קוּמְט זִיךְ צוּזַאם דֶער עוֹלָם אוּן מֶען הַאקְט אִים אָן דִי בֵּיינֶער...

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "אַזוֹי טוּט דִי סִטְרָא אַחְרָא פַארְנַארְן דֶעם מֶענְטְשׁ יֶעדֶעס מָאל מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט פְּשׁוּטֶע פַאלְשֶׁע זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט אוּן גֵייט אִים נָאךְ. יֶעדֶעס מָאל דַאכְט זִיךְ אִים פוּן פְרִישׁ אַז דָאס מָאל וֶועט עֶר מֶער פַארְדִינֶען, אַז עֶר וֶועט קֶענֶען מֶער עֶרְפִילְן זַיינֶע תַּאֲוֹות, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ לוֹיפְט זֵיי נָאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז דִי תַּאֲוֹות לָאזְן נָאךְ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַבִּיסְל, עֶפֶּעס פְלוּצְלִינְג וֶוערְן זֵיי פַארְלוֹירְן אוּן פַארְשְׁוִוינְדְן, זֵיי אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער מֶענְטְשׁ

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַארְגֶעסְן טְשֶׁעפֶּעֲרייעֶן?



*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַן עֵצָה צוּ שְׁנֶעל פַארְגֶעסְן וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט מִיר אַ טְשֶׁעפֶּע בְּשׁוֹגֵג אָדֶער בְּמֵזִיד, אוּן נִישְׁט יֶעדֶע מָאל וֶוען אִיךְ זֶע יֶענֶעם זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס יֶענֶער הָאט מִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ"ד נִיסָן, ט' לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לפ"ק

... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעל הַמִּיטָה זָאלְסְטוּ זָאגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֲרֵינִי מוֹחֵל לְכָל מִי שֶׁהִכְעִיס וְהִקְנִיט אוֹתִי אוֹ שֶׁחָטָא כְּנֶגְדִּי, בֵּין בְּגוּפִי בֵּין בְּמָמוֹנִי בֵּין בִּכְבוֹדִי בֵּין בְּכָל אֲשֶׁר לִי, בֵּין בְּאוֹנֶס בֵּין בְּרָצוֹן, בֵּין בְּשׁוֹגֵג בֵּין בְּמֵזִיד, בֵּין בְּדִבּוּר בֵּין בְּמַעֲשֶׂה".

דֶער מְקוֹר פוּן דֶעם אִיז פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת מִקֵּץ, דַּף רא:), וואוּ עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי אַבָּא אִיז אַמָאל גֶעזִיצְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן דִי שְׁטָאט לוּד, עֶר הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם אָנְקוּמֶען זֵייעֶר אָפְּגֶעמַאטֶערְט, דֶער אִיד הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט. וֶוען דֶער אִיד אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן בַּאמֶערְקְט רַבִּי אַבָּא וִוי אַ שְׁלַאנְג קְרִיכְט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן אֵיידֶער דֶער שְׁלַאנְג הָאט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ צְוַוייג אוֹיף אִים אוּן אַזוֹי אִיז דִי שְׁלַאנְג גֶע'הַרְגְ'עט גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען דֶער אִיד הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעזֶען דִי טוֹיטֶע שְׁלַאנְג הָאט זִיךְ דֶער אִיד אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶערוּקְט פוּן זַיין פְּלַאץ וואוּ עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אוּן פוּנְקְט אַ סֶעקוּנְדֶע דֶערוֹיף אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן דִי גַאנְצֶע שְׁטִיקְל עֶרְד וואוּ דֶער אִיד אִיז פְרִיעֶר דָארְט גֶעשְׁלָאפְן.

רַבִּי אַבָּא הָאט דָא גֶעזֶען אַז דֶער אִיד אִיז צְוֵויי מָאל גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אַ זִיכֶערֶע טוֹיט, אִיז רַבִּי אַבָּא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: זָאגְט מִיר, וֶוער זֶענְט אִיר אוּן וָואס זֶענֶען אַייעֶרֶע מַעֲשִׂים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט אַייךְ גֶעטוּן צְוֵויי גְרוֹיסֶע נִסִים?" זָאגְט דֶער אִיד: "נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס הָאט מִיר גֶעטוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט וָואס אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טְרֶעפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט מִיר גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, בִּין אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען", הָאט רַבִּי אַבָּא גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט וֶוערְד אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר נִסִים".

חַזֵר זִיךְ אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: 'עֶס אִיז נִישְׁט דֶער, עֶס אִיז נִישְׁט יֶענֶער, דָאס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אוּן אַז עֶס טוּט וֵויי אִיז דָאס אוֹיךְ פַאר מַיין טוֹבָה', אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן קֶענֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מוֹחֵל זַיין.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"ה)

וְויל זִיךְ שׁוֹין אַבִּיסְל שֵׁיידְן פוּן זֵיי, אָבֶער פְּלוּצְלִינְג קֶערְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק, זֵיי שְׁטֶעקְן אַבִּיסְל אַרוֹיס דֶעם קָאפּ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ לוֹיפְט זֵיי וְוידֶער נָאךְ, אוּן אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ דָאס רֶעדְל, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל".

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט מֶער מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אָבֶער עֶס אִיז זֵייעֶר פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, וְוי אַזוֹי דִי סִטְרָא אַחְרָא פַארְנַארְן דִי מֶענְטְשְׁן אַלֶעמָאל, עֶס דַאכְט זִיךְ אַלְץ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ בַּאקוּמֶען זַיינֶע תַּאֲוֹות, יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן זַיינֶע גְלוּסְטֶענִישְׁן, יֶעצְט וֶועט עֶר שׁוֹין פַארְדִינֶען אַסַאךְ גֶעלְט, אָדֶער אַז יֶעצְט וֶועט אִים דֶער אָדֶער יֶענֶער הֶעלְפְן, אוּן צוּם סוֹף שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז אֵיין גְרוֹיסֶע פַאלְשֶׁע דִמְיוֹן.

**תרצא**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז אַזוֹי וְוי אֵיינֶער וָואס גֵייט אוּן לוֹיפְט אַרוּם צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דָארְט לִיגְט, אוּן עֶר פַארְנַארְט דִי מֶענְטְשְׁהֵייט אוּן פְרֶעגְט יֶעדְן, "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?", אוּן פַאר יֶעדְן דַאכְט זִיךְ אַז יֶענֶער הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר גְלוּסְט, אוּן דֶערִיבֶּער לוֹיפְט אִים יֶעדֶער נָאךְ, יֶעדֶער מֵיינְט אַז עֶר הָאט דָארְט זִיכֶער בַּאהַאלְטְן דָאס וָואס עֶר דַארְף, אוּן בַּיים סוֹף עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן עֶס אִיז לֵיידִיג... מַמָשׁ אַזוֹי אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר נַארְט אָפּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶער לוֹיפְט אִים נָאךְ, יֶעדְן דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט וָואס עֶר ווִיל הָאבְּן, יֶעדֶער לוֹיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן תַּאֲוֹות, אוּן צוּם סוֹף עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן עֶס לִיגְט דָארְט גָארְנִישְׁט, וַוייל קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אָנְפִילְן אוּן צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן זַיינֶע תַּאֲוֹות בַּיים יֵצֶר הָרָע, אוּן מֶען בְּלַייבְּט צוּם סוֹף אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט.

אַלֶע תַּאֲוֹות פוּן דִי וֶועלְט זֶענֶען אַזוֹי וְוי אַ לִיכְטִיגֶע זוּיל וָואס שַׁיינְט אַרַיין פוּן פֶענְסְטֶער פוּן הוֹיז וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט, עֶס קֶען אוֹיסְזֶען מַמָשׁ וְוי אַן עֶכְטֶער זוּיל, וֶוען מֶען טַאפְּט עֶס אָבֶּער אָן אוּן מֶען וְויל עֶס אָנְכַאפְּן, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט אִין הַאנְט, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַלֶע תַּאֲוֹות. אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע שְׁמוּעֶסְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֶפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# דערהויבענע וואך אין ארץ ישראל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

אנשי שלומינו אין ארץ ישראל האבן געהאט גאר א דערהויבענע וואך, מיט'ן הילולא קדישא פון רבי שמעון בר יוחאי, און מיט'ן באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט אויפגעהייטערט די הערצער פון די ארטיגע אידן.

ווי געמאלדן פארגאנגענע וואך איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אויף ל"ג בעומר און אויף שבת אין אתרא קדישא מירון, אינאיינעם מיט זיין פאטער הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א.

נאך שבת קודש איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין יבנאל צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע, און וואו ער האט זיך אויך געטראפן מיט הגה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א.

זונטאג איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען ביים ציון פון רבי מאיר בעל הנס אין טבריה, וואו דער ראש ישיבה שליט"א האט מתפלל געווען ספעציעל פאר די אלע וואס העלפן ארויס די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל. דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געגאנגען באזוכן די מוסדות היכל הקודש אין טבריה.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין ירושלים עיה"ק וואו ער האט געגעבן א שיעור התחזקות, ארויסברענגנדיג אז דער רבי געבט אונז א וועג ווי אזוי אנצוהאלטן די פייער פון ל"ג בעומר אויף די גאנצע יאר, אויך נאכדעם וואס די פיזישע פייער איז שוין פארלאשן, די מוזיק און טענץ זענען שוין פארענדיגט, מען איז שוין אהיימגעגאנגען צום טאג טעגליכן סדר היום, קען די פייער נאך ווייטער ברענען גרעסער און שטערקער. מען קען הערן דעם הערליכן שיעור אויפ'ן טעלעפאן ליין "קול ברסלב", דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורי התחזקות, 1 פאר טעגליכע דרשות, 11 פאר שיעורים פון תשפ"ה, און דערנאך 2 פאר זומער תשפ"ה.

אויך קען מען דארט הערן דעם שיעור ביים פסח שני מסיבה "מיין לעבן", וואס דארט קען מען הערן גאר א שיינער פאנעל, ווען מען האט געפרעגט שאלות פונעם ראש ישיבה שליט"א און דער ראש ישיבה שליט"א האט געענטפערט גאר שיין. צווישן די שאלות איז געווען, "דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אסאך פון מאכן פרייליך אינדערהיים אום שבת קודש, מאכן פרייליכע סעודות, וואס טוט מען ווען איז אנגעקומען אהיים און זיך אויפגערעגט און געשריגן, ווי אזוי קען מען צוריק דרייען און מאכן צוריק פרייליך?", "עס קומט מיר נישט אויס צו קענען רעדן מיט ראש ישיבה שליט"א פון יאר צו יאר, ווי אזוי קען איך יא האלטן א קשר מיט'ן ראש ישיבה שליט"א?", "דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז א טאטע איז נישט א חבר מיט זיין קינד, אבער פון די אנדערע זייט זאגט אויך דער ראש ישיבה שליט"א אז א טאטע דארף זיך אראפלאזן צו א קינד און האבן א קשר מיט אים, ווי איז דער גבול צווישן די צוויי זאכן?", "מעג מען זיך אויפשרייבן צו געבן פונעם באנק יעדן חודש פאר צדקה?", "מיין ווייב האט געהערט אסאך לשון הרע אויף היכל הקודש, און זי וויל נישט האבן קיין שייכות מיט דעם, איך קען נישט דערמאנען אינדערהיים א ווארט פון היכל הקודש, וואס טוט מען?", "מיין זון שלאפט אריין אין טאג אריין, און ווען איך וועק אים אויף ווערט ער אויפגערעגט, ווי אזוי האנדלט מען דאס?", "ווען איך בין מקורב געווארן, האב איך געברענט פאר'ן אייבערשטן, געלערנט גאר אסאך מיט א געוואלדיגע התמדה, ווי אזוי ברענגט מען צוריק די התלהבות פון אמאל?"

דאס, און נאך שאלות, און נאך פילע שיינע זאכן, קען מען הערן ביים שיעור פון פסח שני די פארגאנגענע וואך, אויף די אויבנדערמאנטע נומער.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אשר יעקב בלום** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף מאיר שטיין** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן יצחק אפפעלדארפער** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **אהרן וויזל** הי"ו בני ברק
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שלום לעווין** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יוסף שניטצלער** שליט"א קרית ברסלב
מגיד שיעור בישיבתינו הקדושה
**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב**

***

החתן **דוד טשינאגל** הי"ו וויליאמסבורג
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג בת**
מו"ה **נפתלי זאבעל** הי"ו קרית יואל

## חכמת היד

**איז דאס אן אויסגעהאלטענע זאך? קען מען עס טראסטן? קען מען טוישן וואס מען זעט אויף די האנט אז ס'וועט פאסירן?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 11**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**